## פרשת קדושים ל' ניסן – ו' אייר תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת קדושים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **אשר** נ"ו בן הר"ר **הלל פישמאן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך (או"ח סימן של"ו, אם מותר לילך על גבי העשבים וכן באילן), והתפלל שם תפלת מנחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הלכות ברכת המזון סימן קפ"ה סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בדרשת פרקי אבות בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין פרקי אבות (אבות א-ה) איז דא א מימרא פון יוסי בן יוחנן איש ירושלים, וואס ער האט געזאגט, יהי ביתך פתוח לרוחה, ווי דער ברטנורא טייטשט, אז א מענטש דארף זיין מיט א ברייט הארץ פאר אנדערע, אז דיין שטוב זאל זיין אפען פון אלע זייטן, אזוי ווי די שטוב פון אברהם אבינו, וואס האט געהאט טירן פון אלע פיר זייטן, אז מען האט געקענט אריינקומען פון איבעראל. ויהיו עניים בני ביתך, טייטשט דער ברטנורא, טאמער דו דארפסט האבן א באדינער אין שטוב, נעם נישט א גוי, נאר נעם א ארימאן. זיי ענדערש מפרנס א יוד, ווי צו געבן פאר א גוי.

**דאס** וואס ער זאגט אז דיין שטוב זאל זיין פתוח לרוחה, עס זאל האבן טירן פון אלע זייטן אזוי ווי די שטוב פון אברהם אבינו, מיינט מען נישט ממש אז עס דארף זיין טירן פון אלע זייטן, כדי דער עני זאל נישט דארפן ארומגיין. קיינער האט נאך נישט געבויט א הויז, אז עס זאל האבן פיר טירן, אז מען זאל קענען אריינקומען פון וואו מען וויל. די נקודה דערפון איז, אז מען זאל נישט מאכן שוועריקייטן פאר א יוד וואס דארף קומען צו דיר אין שטוב. אזוי ווי א שטוב וואס איז אפען פון אלע זייטן, קען ער אייביג אריינקומען, און ער טרעפט אלץ א פלאץ ווי אזוי אריינצוקומען, ער דארף זיך נישט דרייען און קומען. וועו א יוד קומט צו דיר, ער דארף האבן דיין הילף, זאל זיין ביתך פתוח לרוחה. געב אים נישט קיין שוועריקייטן, וועו ער דארף אנקומען צו דיר.

*

**ער** זאגט, אז דער יוסי בן יוחנן איז געווען א איש ירושלים, וואס וויל ער ארויסברענגען דערמיט? ער איז טאקע געווען א חשוב'ער מענטש אין ירושלים, ער איז געווען דער אב בית דין אין ירושלים, אבער פארוואס באטיטלט ער אים אין די משנה, אז ער איז געווען א איש ירושלים.

**דער** פסוק זאגט ביי צדקה (דברים טו-ד), אז מען דארף ארויסהעלפען פאר א צווייטן, אפס כי לא יהיה בך אביון, עס וועט נישט זיין ביי דיר א ארימאן, וועו דער אייבערשטער וועט דיר מנחיל זיין דאס לאנד. רש"י שטעלט זיך, אז עס איז דא א צווייטער פסוק (שם טו-יא) וואס עס שטייט, כי לא יחדל אביון מקרב הארץ, עס וועט אייביג זיין ארימעלייט. פארוואס זאגט ער דא, אפס כי לא יהיה בך אביון. טייטשט רש"י דערויף, אז אייביג וועט זיין אביונים, נאר טאמער מען וועט טון צדקה, איז לא יהיה 'בך' אביון, וועט דער אייבערשטער בענטשען כלל ישראל אז ביי דיר וועט נישט זיין די אביונים, די אביונים וועלן זיין ביי די גוים. אבער טאמער מען וועט נישט טון קיין צדקה, וועט זיין כי לא יחדל אביון, וועט דער אביון זיין ביי דיר.

**עס** קען זיין דער פשט דערפון איז. איך האב געזעהן שטיין, מען זעהט אז ווען יודען זענען געווען אין מדבר, האבן זיי זיך אפגערעדט זכרנו את הדגה אשר נאכל במצרים חנם, מיר געדענקן די פיש וואס מען האט געגעסן אין מצרים, ועתה נפשנו יבשה, אונזער נפש איז טרוקן, אין כל, עס איז נישטא גארנישט, בלתי אל המן עינינו, מען קוקט נאר אויפן מן (במדבר יא-ה). אין די מן האט מען געקענט שפירן אלע טעמים, און די טעם פון פיש האט ער אויך געקענט דארט שפירן. ער האט געהאט א מן וואס ער האט געקענט שפירן אלע טעמים, און ער בענקט זיך אויף די פיש, וואס ער האט געגעסן אין מצרים?!

**עס** ליגט דערין א רמז, יודען האבן ליב צו טון חסד איינער מיטן צווייטן. די גמרא (יבמות עט.) זאגט, אז דאס איז א סימן פון א יוד, זיי זענען רחמנים ביישנים און גומלי חסדים, און איינער וואס האט נישט די דריי זאכן, איז ער נישט מזרע ישראל. ווען יודען זענען געווען אין מצרים, איז מען דאך געווען אויף צרות, און ביי צרות איז דאך אוודאי אז איין יוד העלפט ארויס א צווייטן יוד, גרינגער צו מאכן יענעם די פראבלעמען וואס ער האט, און יודען האבן זיך ארויסגעהאלפן. ווען מען האט געדארפט האבן עסן, האט איינער געגעבן פארן צווייטן. אויב מען האט געדארפט האבן בגדים, האט מען צוגעהאלפן פאר יענעם. מען האט געהאלפן אין די ארבעט, ווי דער סדר איז, יודען זענען גומלי חסד. אבער ווען מען איז געקומען אינעם מדבר, האט זיך אויפגעהערט ביי יודען גמילות חסדים. מען האט נישט געדארפט געבן צו עסן פאר א יוד, ווייל עס איז געפאלען פון הימל מן. יעדער האט געהאט א עומר לגלגולת, וויפיל ער האט געדארפט עסן, און מען האט געשפירט דערין אלע טעמים. ער איז נישט געווען אנגעוויזען אין די פערציג יאר, אז ער זאל דארפן בעטן פון א יוד, געב מיר עפעס א שטיקל ברויט, ווייל איך האב נישט וואס צו עסן. יעדער האט געהאט. העלפן פאר יענעם מיט קליידער, זאגט רש"י (דברים ח-ד) אז די קלייד וואס מען האט געהאט, האט מען איין מאל אנגעטון, און עס האט זיך געביגלט פן זיך אליין, און עס איז מיטגעוואקסן מיטן מענטש. א קליין קינד, מען האט אים אנגעטון א קליינעם בגד, איז די בגד מיטגעוואקסן מיט אים. געבן שיך, רגלך לא בצקה זה ארבעים שנה (שם). עס איז נישט געווען קיין ארבעט, וואס מען זאל דארפן ארויס העלפן מיט די ארבעט. וואס פאר א חסד האט מען געקענט טון איינער מיטן צווייטן, עס איז נישט געווען וואס צו טון. און יודען האבן זיך צוריקגעבענקט אויף דעם חסד וואס מען האט געקענט טון אין מצרים, און יעצט האבן זיי עס נישט.

**די** גמרא (שבת קד.) זאגט, אז די אותיות פון א'ב', ווייזט אויף לערנען תורה. אל"ף בי"ת, אלף בינה. ג' ד', דאס ווייזט אויף גמילות חסדים, גמול דלים. ד"ג דג"ה האט אין זיך א גימ"ל מיט א דל"ת, דאס האבן זיי געהאט אין מצרים, זיי האבן געהאט אין מצרים גמול דלים, און יעצט האבן זיי עס נישט. עס איז דא מן, עס איז נישט דא וואס צו העלפן פאר א צווייטן יוד. און א יוד האט דאך ליב צו טון חסד פאר א צווייטן, האבן זיי זיך צוריקגעבענקט צו די חסד וואס מען האט געהאט אין מצרים. האבן זיי געזאגט, זכרנו את הדג"ה אשר נאכל במצרים חינם, עס איז געווען דארט א שפע פון די דג"ה, וואס מען האט זיך ארויסגעהאלפן איינער פארן צווייטן. ועתה נפשנו יבשה, מיר זענען פארטרינקענט, אין כל, עס איז נישט דא וואס מיר קענען טון, בלתי אל המן עינינו, יעדער האט מן. אזוי ווי ראובן האט, אזוי האט שמעון. עס פעלט פאר קיינעם גארנישט, האבן זיי זיך אפגערעדט אויף די חסד וואס עס פעלט זיי.

**דער** חסד וואס מען קען טון איינער מיטן צווייטן, דאס איז נאר היינט, פאר משיח קומט. אין די גמרא (פסחים נ.) שטייט, ולא יהיה כנעני עוד בבית ה' (זכריה יד-כא), אין כאן עני, ווען משיח וועט קומען, וועט נישט זיין קיין עני, יעדער וועט זיין א עושר. אין בהם לא זכות ולא חובה, מען וועט נישט קענען זוכה זיין מיט א זכות צו געבן צדקה, און עס וועט נישט זיין קיין חובה, ער וועט זיך צוריקהאלטן פון נישט געבן צדקה, ווייל יעדער וועט האבן וואס מען דארף צו האבן. עס וועט קומען א צייט וואס לא יהיה בך אביון, עס וועט נישט זיין ביי יודען קיין אביון. **צדקה דארף מען טון ווילאנג מען האט די מעגליכקייט, היינט ווילאנג משיח איז נאכנישט געקומען, קען מען עפעס אויפטון, אבער ווען משיח קומט מארגען אן, מיט אלע אונזערע פלענער קען מען מער נישט טון קיין חסד**. מען דארף עס נישט, פאר יעדן וועט זיין בהרחבה, און מען וועט נישט זיין אנגעוויזען איינער אויפן צווייטען.

**ווען** די תורה הייסט מען זאל טון חסד איינער מיטן אנדערן, זאגט די תורה, אפס, דו זאלסט וויסן, דאס וועט זיך אמאל אויסלאזן, כי אפס כסף (בראשית מז-טו), אפס, כי לא יהיה בך אביון, עס וועט קומען א צייט וואס עס וועט נישט זיין ביי דיר קיין אביון. איז כאפ אריין, ווילאנג דו קענסט טון חסד איינער מיטן צווייטן, זאלסטו טון, ווייל אפס, עס וועט זיך אמאל ענדיגן דאס, כי לא יהיה בך אביון, עס וועט נישט זיין ביי דיר קיין אביון. א מענטש דארף טראכטן שטענדיג, און ער ווארט אז משיח זאל קומען, אט אט וועט זיין די גאולה, ולירושלים עירך ברחמים תשוב, ותשכון בתוכה כאשר דברת, דער באשעפער וועט

צוריקקומען און געוועלטיגן אויף ירושלים, און דעמאלטס וועט זיין א שפע, אין כסף נחשב בימי שלמה למאומה, עס וועט נישט פעלן קיין געלט, יעדער וועט האבן אלעס וואס מען דארף צו האבן. דער יוסי בן יוחנן איז געווען א איש ירושלים, ער האט שטענדיג געלעבט מיט ירושלים, אז עס וועט קומען א צייט וואס משיח וועט קומען, און דער באשעפער וועט צוריקקומען קיין ירושלים. האט ער מעורר געווען, אז עס וועט קומען א צייט וואס מען וועט נישט קענען טון קיין חסד, כאפ אריין ווילאנג דו קענסט. יהי ביתך פתוח לרוחה, ויהיו עניים בני ביתך. דער 'איש ירושלים' האט אים צוגעברענגט דערצו, אז ער זאל מעורר זיין צו טון חסד ווילאנג מען קען.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן ש"ב הרב רבי **בעריש מאשקאוויטש** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד זלאטשוב שליט"א, וחתן כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל), שהתקיים באולם בית רחל.

*

***יום שני פרשת קדושים***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב התקיים בבית **רבינו שלט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בן הר"ר **משה יוסף גלויבער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יצחק אלי' גראסמאן** הי"ו.

*

***יום שלישי פרשת קדושים***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת סעמיועלס שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר משה יחזקאל סעמיועלס ע"ה)

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

***יום רביעי פרשת קדושים***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת גוטמאן שיחי' שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר יצחק גוטמאן ע"ה).

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל שמחת התנאים של בת הר"ר **שלמה יוסף ראאב** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **הערשל בערגער** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס לאה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יעקב יהודא שפיטצער** ע"ה.

*

***יום חמישי פרשת קדושים***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו תפארת יהושע. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יצחק אלחנן צבי** (ב"ר אברהם) **שטערן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר כך שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן ש"ב הרב **חיים יהודא דייטש** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד חליסה שליט"א, וחתן הגה"צ אב"ד טאשנאד שליט"א), שהתקיים בבית המדרש טאשנאד.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**, בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל שמחת התנאים של בן **הרה"ג רבי אשר אדלער שליט"א** אב"ד סערעדנא, עב"ג בת הרה"ג רבי **שמחה טייטלבוים** שליט"א, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

# פרשת אמור ז׳ – י״ג אייר תשע״ט לפ״ק

***יום ראשון פרשת אמור***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשולחן ערוך (או״ח הלכות ברכת המזון סימן קפ״ו סעיף א׳) בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט״א** חלק מהדברי תורה שאמר בדרשת פרקי אבות בשבוע העעל״ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**קדושים** תהיו כי קדוש אני ה׳ אלקיכם (ויקרא יט-ב), דער אייבערשטער האט געהייסען מען זאל זיין הייליג. רש״י טייטשט, מען זאל זיין פרושים מן העריות, און דער **רמב״ן** טייטשט, קדש עצמך במותר לך. נאכדעם וואס איך האב דיר מצווה געווען אלע מצות פון די תורה, זאלסטו נישט מיינען אז דאס איז אלעס, און מער דארף מען נישט טון. האט די תורה געגעבן די ציווי, אז וואס דו קענסט זיך מקדש זיין, ביים עסן, ביים רעדן, און ביי אלע אנדערע ענינים, זאל מען זיך מקדש זיין. דער פסוק אז מען דארף זיין הייליג, איז אויך א פסוק אין סוף פרשת שמיני, ווען די תורה רעדט פון מאכלות אסורות, שטייט אין פסוק (יא-מה), כי אני ה׳ המעלה אתכם מארץ מצרים וגו׳, איך האב ענק ארויסגענומען פון מצרים, והייתם קדושים, מען זאל זיין הייליג, כי קדוש אני. שטייט דאך שוין אויבן די מצוה פון קדושים, וואס איז געקומען דא א פרישע ציווי, קדושים תהיו כי קדוש אני ה׳ אלקיכם. – און רש״י זאגט, פרשה זו בהקהל נאמרה, צו די פרשה האט ער צוזאמגענומען אלע יודען אינאיינעם, און ער האט זיי געזאגט די פרשה פון קדושים תהיו, שרוב גופי תורה תלויין בה. די מפרשים פלאגן זיך שוין, אז די גאנצע תורה האט ער געגעבן פאר כלל ישראל, וואס איז די פרשה א אויסנאם, אז עס איז געזאגט געווארן בהקהל.

**מען** ווייסט אז ׳קדושים׳ איז זייער א גרויסער טיטל. מען זאגט ביים דאווענען, בפי ישרים תתרומם, מען הייבט אן מיט ישרים, ובשפתי צדיקים תתברך, ובלשון חסידים תתקדש, ובקרב ׳קדושים׳ תתהלל. קדושים דאס איז די העכסטע מדריגה וואס מען זאגט אויף יודען. מען זאגט ישרים, צדיקים, און חסידים איז העכער פון א צדיק, און נאכדעם קומט קדושים. און אסאך מאל געפונט מען אין די גמרא (חולין ז:) ישראל קדושים הם, יודען זענען קדושים. ישראל קדושים הם? אפילו אויף צדיקים זאגט די גמרא (יומא לח:) צדיקים מועטין, עמד ושתלן בכל דור ודור. און דא זאגט מען ישראל קדושים הם, אז יודען זענען קדושים? ווי גיט מען אזא גרויסען טיטל אויף כלל ישראל.

**דער** אמת איז, אז יעדע זענען אמת, עס ווענדט זיך ווי אזוי מען מעסט א מענטש. ווען מען זאל צושטעלן א פשוט׳ן יוד נעבן א גוי, קוקן ווי אזוי דער גוי פירט זיך אויף איבערן טאג, און ווי אזוי א פשוטער יוד פירט זיך אויף. מען זאל קוקן ווי אזוי דער גוי רעדט, ווי אזוי דער גוי עסט, ווי אזוי דער גוי שמועסט, און וואס ער טוט אלץ אפ איבערן טאג, וועט מען זאגן, אז א יוד, אפילו א פשוטער יוד, איז א קדוש. ער טראכט נישט ווי דער גוי, ער טוט נישט ווי דער גוי טוט, אין קיין שום זאך איז ער נישט ערגער פון דעם גוי. כלפי דעם גוי וועט מען זאגן אז ער איז א קדוש. ווען מען וועט אבער נעמען דעם זעלבן יוד, און מען וועט אים אריינשטעלן אין א שטוב פון צדיקים, וועט מען זאגן, אז ער איז א איש פשוט. אקעגן אזעלכע דעהויבענע יודען וואס האבן גארנישט צו טון מיט הבלי העולם הזה, איז ער א פשוטער מענטש. ווייל עס ווענדט זיך ווי אזוי מען טוט אים אפשאצן. שאצט מען אים כלפי דעם גוי, דעמאלטס איז יעדער א קדוש. שאצט מען אים כלפי צדיקים, איז ער נישט אין די מדריגה.

**ווען** מען זאגט ישראל קדושים הם, רעדט די גמרא פונם פאלק ישראל. כלל ישראל אקעגן אלע אומות, ישראל קדושים הם, זענען מיר א הייליג פאלק. מיט אלעם ווי אזוי מען זעהט אויס, קען זיך קיין שום פאלק נישט פארמעסטן מיטן כלל ישראל. ישראל קדושים הם, כלפי אומות העולם זענען מיר קדושים. ווען מען גייט אבער מעסטן יעדען יוד עקסטער ווי אזוי ער איז, דעמאלטס קען אמאל זיין אז טאמער ער געפונט זיך צווישן צדיקים, ווערט ער נישט אנגערופן קיין קדוש.

**מען** זעהט, ווען דער אייבערשטער איז דן יודען ראש השנה, איז כל באי עולם עוברין לפניו כבני מרון (ראש השנה יח.), יעדער גייט אדורך עקסטער, און מען טוט אים דן זיין. וועם אהרט עס אז עס זענען דא

דארט נאך מענטשען? דער אייבערשטער קען דאך דן זיין א פולע בית המדרש מיט מענטשען, יעדער זאל שטיין אויף זיין פלאץ, און אינאיינעם דן זיין. פארוואס דארף זיין עוברין לפניו כבני מרון, אז יעדער גייט אדורך איינציגווייז פארן אייבערשטען.

**נאר** ווען א מענטש וואלט נישט אדורכגעגאנגען איינציגווייז, נאר ער וואלט געשטאנען נעבן א צווייטען, און אזוי וואלט מען אים דן געווען, וואלט דער דין נישט געווען אייביג איינציג. אמאל קען זיין אז דער יוד איז נישט אזא גרויסער צדיק, און מען האט אים געשטעלט נעבן א פשוטער יוד, זאגט מען, לגבי דעם איז ער דאך א צדיק. אמאל קען זיין פארקערט, מען שטעלט דעם יוד נעבן גאר א גרויסן צדיק, וועט מען זאגן, דאס איז א צדיק? קוקטס אן וואס א צדיק איז. קומט אויס, אז עס וועט נישט ארויסקומען א דין אמת. שטעלט מען יעדען מענטש עקסטער פאר זיך, עס איז נישט דא קיין ארום און ארום. דו האסט געלערנט? דו האסט געדאווענט? דו האסט געטון מצות און מעשים טובים? דאס איז א משפט צדק, ווען עס איז נישט דא דער ארום און ארום, וואס מען איז דן איינער אקעגן דעם צווייטן.

**מען** זעהט ביי נח, וואס די תורה איז מעיד איש צדיק תמים היה בדורותיו (בראשית ו-ט), ער איז געווען א צדיק תמים, און פון דעסטוועגן דאך, זאגן אטייל, בדורותיו, אקעגן זיין דור איז ער געווען א צדיק, אבער אילו היה בדורו של אברהם לא היה נחשב לכלום. און אטייל זאגן, מה דאך בדורותיו איז ער געווען אזא גרויסער צדיק, כל שכן ווען ער וואלט געווען בדורו של אברהם. פארוואס, ווייל א מענטש ווערט געמאסטן, צו עס איז בדורותיו, צו עס איז נישט בדורותיו. אמאל איז דער בדורותיו א חסרון, אין דיין דור ביסטו א צדיק, אבער ערגעץ אנדערש ביסטו נישט א צדיק.

**ווען** די תורה רעדט אויבן, כי אני ה' המעלה אתכם מארץ מצרים וגו', והייתם קדושים, רעדט מען דאך פון מצרים וואס איז געווען מלא תועבה, און איך האב ענק ארויסגעצויגן פון מצרים, והייתם קדושים, דארף מען זיין הייליג. אבער דארט רעדט מען דאך נאר פון אזא קדושה וואס איז אקעגן די מצריים, אקעגן די מצריים זענען מיר א הייליג פאלק, אבער דאס ברענגט נאכנישט ארויס די ריכטיגע קדושה וואס דער אייבערשטער פארלאנגט פון אונז. דער באשעפער וויל נישט פון אונז, אז מיר זאלן זיין קדושים נאר אקעגן די מצריים, דער אייבערשטער זאגט קדושים תהיו, פרשה זו בהקהל נאמרה, מען האט צוזאמגענומען משה מיט אהרן מיט די זקנים מיט אלע נשיאים, די שענסטע וואס כלל ישראל פארמאגט, און דא זאלסטו ארויסשטארן קדושים תהיו, דו זאלסט זיין הייליג. פרשה זו בהקהל נאמרה, דו זאלסט נישט אפטייטשן די קדושים תהיו, וואס מען זאגט אז דו זאלסט זיין קדושים, פארלאנגט מען נאר אז דו זאלסט זיין קדושים ווען דו ביסט נעבן א גוי, צו דו ביסט נעבן א פשוטען יוד, דעמאלטס זאלסטו ווערן גערעכנט קדושים, נאר פרשה זו בהקהל נאמרה, ווען גאנץ כלל ישראל איז דא, און כלל ישראל האט זייער א שיינע אויסוואל פון ערליכע יודען, דא זאלסטו זיך אויך אזוי פירן, דו זאלסט ארויסשטארן מיט דיין קדושה, אז מען זאל קענען זאגן אז דו ביסט א קדוש. וועגן דעם האט מען געזאגט די פרשה בהקהל.

**עס** איז דא א טייער ווארט פונעם הייליגן **באר־דיטשובער רב זי"ע**, האט ער געזאגט, אז וועגן דעם בעהט מען ביים דאווענען, שלא יצטרכו עמך בית ישראל זה לזה ולא לעם אחר. אמאל איז דא וואס מען וויל אין הימל מצדיק זיין א יוד, אבער ער איז דאך נישט אזוי ווי מען דארף צו זיין. נעמט מען א פשוטען יוד, און מען זאגט, קוקטס אן ווי אזוי דער פשוטער יוד איז, און קוק אים אן, וועסטו זעהן אז ער איז וואוילער יוד. קומט אויס אז ער איז אנגעוויזן אז מען זאל אים צושטעלן נעבן א צווייטען. זאגט מען שלא יצטרכו עמך בית ישראל זה לזה, זיי זאלן נישט זיין אנגעוויזען, אז מען זאל אים צושטעלן, אז נעבן א פשוטן יוד איז ער ערליך. - אמאל איז דא, וואס אפילו אקעגן א פשוטן יוד איז ער אויך נישט אזא צדיק, נעמט מען א עם אחר, מען נעמט א גוי, און מען שטעלט דעם פשוטן יוד נעבן דעם גוי, און נעבן דעם גוי איז ער דאך א צדיק. בעהט מען, שלא יצטרכו עמך בית ישראל זה לזה ולא לעם אחר, נאר פאר זיך אליין זאלן מיר קענען זיין ערליך, און מען זאל קענען יוצא זיין ידי חובתו.

*

אחר מעריב הגיע **רבינו שליט"א** לכתיבת ספר תורה שנכתבה על ידי משפחת בראדער שיחי', לע"נ אביהם

הר"ר חיים יעקב בראדער ע"ה. **רבינו שליט"א** כתב אות בהספר תורה, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת אמור***

אחר התפלה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **ישראל** (ב"ר אהרן הערש) **עלבאגען** הי"ו, שהתקיים באולם גראנדעי טערעס. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **דוד מאשקאוויטש** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שלט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בן הר"ר **ברוך הערשקא** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב יחזקי' קליין** הי"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל שמחת התנאים של בת הר"ר **אהרן קאהן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יהושע קלמן גאלדבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם שמח תשמח. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***יום שלישי פרשת אמור***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **שלמה פריעדמאן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***יום חמישי פרשת אמור***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל הרבנים הגאוה"צ שליט"א בני **כ"ק האדמו"ר משעניצא זצ"ל**.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי **באור החיים הק'**, בבית מדרשנו זכרון יהודא.

***קטעים מתוך שיעור אור החיים הק':***

**די** תורה הקדושה רעדט די וואך אין די פרשה פון קדושת כהונה, אז א כהן טאר זיך נישט מטמא זיין, און ער האט געוויסע הלכות מיט וועם ער מעג חתונה האבן. און די תורה הק' זאגט, וקדשתו, דו זאלסט מקדש זיין דעם כהן, כי את לחם אלקיך הוא מקריב, ווייל ער איז מקריב די קרבנות פונעם אייבערשטען, קדוש יהיה לך, ער זאל זיין הייליג צו דיר, כי קדוש אני ה' מקדשכם (ויקרא כא-ח), ווייל איך דער אייבערשטער בין הייליג.

**דער אבן עזרא** גיט צו איין ווארט אויף וקדשתו, 'במחשבה ובדיבור'. געוועגליך לערנט מען, אז וקדשתו איז א מצוה אז מען דארף מקדש זיין דעם כהן במעשה. אזוי ווי רש"י ברענגט צו, לפתוח ראשון בכל דבר, וועון מען דארף איינעם מכבד זיין, דארף מען פותח זיין מיטן כהן. ולברך ראשון בסעודה, וועון מען דארף בענטשען, איז מען מכבד דעם כהן צו בענטשען. דער **אבן עזרא** גיט אבער צו, אז נישט נאר בפועל דארף מען מקדש זיין דעם כהן, נאר אפילו במחשבה ובדיבור, מען דארף רעדן, און טראכטען, און קוקען אויף א כהן ווי ער איז הייליג. כי את לחם אלקיך הוא מקריב, ווייל דער אייבערשטער האט אויסגעקליבן די כהנים, אז זיי קענען טון די עבודה אין בית המקדש, און א אנדערער יוד קען נישט טון די עבודה אין בית המקדש, איז דא עפעס א קדושה אין דעם כהן, וואס נאר ער איז ראוי צו טון די עבודה בקודש, און א זר וואס האט נישט די קדושה, קען נישט טון די עבודה. פון דעם וואס א זר קען נישט טון די עבודה, נאר א כהן, מוז דאך זיין אז עס ליגט אין אים א קדושה, וואס דער אייבערשטער האט מקדש געווען דעם כהן אז ער איז אנדערש פון א צווייטען. און אז ער האט אין זיך א קדושה, איז יעדע זאך וואס איז הייליג, איז נישט נאר אז מען גיט אכט במעשה אז מען זאל נישט טון א זאך אקעגן די קדושה, נאר אפילו במחשבה ובדיבור. א ספר תורה איז הייליג, עס איז נישט נאר אז איך טו עפעס צו די ספר תורה, נאר פאר א ספר תורה האט א מענטש א רעספעקט אין קאפ, זיין בליק אויף א ספר תורה איז הייליג, זיין דיבור אויף א ספר תורה

איז אויף א אופן פון בדרך כבוד. זאגט די תורה, וקדשתו, א כהן איז דא א ענין אז מען זאל אים מקדש זיין, האלט אים הייליג, כי את לחם אלקיך הוא מקריב, ער איז מקריב לחם אלקיך, האט ער א קדושה אין זיך וואס מען האט אים אויסגעקליבן, וואס א צווייטער האט נישט.

**עס** איז דא א שיין ווארט אין **כתב סופר** (פ' אמור), אז די גמרא (סנהדרין נב:) זאגט, ווי אזוי איז דער בליק פון א עם הארץ אויף א תלמיד חכם? זאגט די גמרא, אז אין אנהייב, ווילאנג ער האט נישט קיין שייכות, א נאנטקייט, צו דעם תלמיד חכם, שעצט ער דעם תלמיד חכם. ער איז דומה ביי אים, כקיתון של זהב, אזוי ווי א גאלדענע קריגל. ער האט א רעספעקט, ער קוקט ארויף אויף דעם תלמיד חכם. סיפר הימנו, אויב דער עם הארץ האט געכאפט א שמועס מיטן תלמיד חכם, הייבט ער זיך אן צו פילן היימיש, גייט די חשיבות פונעם תלמיד חכם אראפ, און ער ווערט אזוי ווי א קיתון של כסף. פון גאלד איז דער תלמיד חכם געווארן זילבער. נהנה ממנו, אויב ער האט געגעבן א פאר דאלער פאר דעם תלמיד חכם, איז ער שוין דומה לקיתון של חרס, וואס א קיתון של חרס, מיט איין קלאפ ווערט עס צובראכן. קומט אויס, אז א תלמיד חכם וואס איז נהנה פון א עם הארץ, פארלירט די חשיבות אין זיינע אויגן.

**די** תורה האט דאך געהייסען אז די כהנים באקומען נישט קיין חלק בארץ, נאר זיי לעבן פון די כ"ד מתנות כהונה. קומט אויס, אז אלע עמי הארצים האבן געדארפט געבן כ"ד מתנות כהונה פאר די כהנים. און אז ער איז נהנה ממנו, פארלירט ער דאך די חשיבות ביי אים, קומט דאך אויס, אז ער קוקט נישט ארויף אויף דעם כהן. ער האט א מצוה פון וקדשתו במחשבה ובדיבור, ער דארף מחשיב זיין דעם כהן, און די תורה האט געהייסען אז דער כהן באקומט נישט א חלק בארץ, נאר די מתנות כהונה, און דאס ברענגט דאך צו, אז א עם הארץ זאל נישט מקדש זיין דעם כהן. זאגט דער **כתב סופר**, מוז זיין א עקסטערע ציווי דערויף, וקדשתו, אז כאטש געווענליך איז דער סדר אז מען פארלירט די חשיבות. דער כהן באקומט דאך פון דיר די כ"ד מתנות כהונה, וועסטו דאך אים נישט מכבד זיין, זאגט די תורה, וקדשתו, דו זאלסט אים מקדש זיין.

**פארוואס** זאלסטו אים מקדש זיין? ווייל די גמרא (יומא עא.) זאגט, הרוצה לנסך יין על גבי המזבח, ימלא גרונם של תלמידי חכמים יין. ווען מען איז מהנה א תלמיד חכם, איז עס אזוי ווי מען ברענגט א קרבן. דו געבסט אים צו טרינקען א גלאז וויין, איז כאילו דו האסט געגאסן נסכים אויפן מזבח. זאגט מען פאר דעם עם הארץ, ווען דו ביסט מהנה דעם תלמיד חכם, דעם כהן, זאלסטו וויסן אז דו ברענגסט דעמאלטס א קרבן, ער איז מקריב פאר דיר א קרבן, ווייל ווען איינער וויל מנסך זיין יין על גבי המזבח איז די עצה דערויף, אז ער זאל געבן וויין פארן חכם. זאגט די תורה, 'וקדשתו', כאטש געווענליך פארלירט מען דעם רעספעקט ווען מען גיט פאר יענעם מתנות כהונה, זיי אים דאך מקדש, 'כי את לחם אלקיך הוא מקריב', מיט דעם וואס דו געבסט אים ער זאל נהנה זיין פון דיר, מיט דעם ברענגסטו א קרבן פארן אייבערשטער, את לחם אלקיך איז ער מקריב.

**מען** זעהט אין מציאות אויך אזוי. **מען זעהט אז ביי די רבי'ס, איז געווען א רעספעקט פונעם עולם. אבער אקעגן א רב, אקעגן א תלמיד חכם, איז נישט געווען דער זעלבער רעספעקט וואס מען האט געהאט פאר א רבי. דער תלמיד חכם האט געקענט זיין אסאך מאל א גרעסערער צדיק פונעם רבי, אין תורה האט ער אוודאי געקענט זיין גרעסער. עס איז אבער געווען דער 'סיפר הימנו', וויבאלד דער בעל הבית האט געכאפט א שמועס מיטן רב, און עס איז נאך געווען נהנה ממנו, איז ער געווארן ביי אים כקיתון של כסף, און נאכדעם כקיתון של חרס. אבער ביי די צדיקים, ביי די רבי'ס, האט מען מעיקרא אזוי אויסגעשטעלט, אז מען האט נישט געקענט אזוי גרינג צוקומען צו אים. עס איז געווען גבאים, עס איז געווען א שטוב, און אפילו מען איז שוין אריינגעקומען, איז מען געשטאנען מיט א ווייטקייט, אפגערוקן פון דעם רבי'ן, און דאס האט געברענגט דעם דרך ארץ וואס איז געווען.** עס נעמט זיך פון די גמרא, וואס די גמרא זאגט, אז ווען מען האט א נאנטן קשר איינער מיטן צווייטען, פארלירט מען די חשיבות, אויב דער בעל הבית איז א עם הארץ. אזוי איז ביי אים דער סדר, סיפר הימנו, נהנה הימנו, פארלירט ער די חשיבות. און וועגן דעם האט מען ביי צדיקים שטארק אכט געגעבן, [די ארומיגע, נישט זיי אליין], אז ער זאל זיין אפגעזונדערט פונעם ציבור, און אזוי האט ער געהאלטן זיין חשיבות וואס מען האט אים רעספעקטירט. - און

דאס זעלבע זאגט די תורה ביי דעם כהן, וקדשתו, כאטש דו ביסט מהנה דעם כהן, פון דעסטוועגן דאך זאלסטו אים מקדש זיין.

* * *

**ובת** איש כהן כי תחל לזנות, א בת כהן אז זי זינדיגט, את אביה הוא מחללת, איז זי מחלל דעם פאטער, באש תשרף (ויקרא כא-ט), עס קומט איר שריפה. וואס מיינט די ווארט כי 'תחל'. געוועגליך טייטשט מען, אז זי ווערט מחלל זיין, זי ווערט פארשוועכן איר איידלקייט וואס זי האט געהאט, לזנות, את אביה הוא מחללת. עס איז דא א שיין ווארט פונעם **אמרי שפר, רבי שלמה קלוגער זצ"ל**. ווען א קינד גייט ארויס לתרבות רעה, איז דא צוויי סיבות וואס קען זיין דערצו. איינס, אז דאס קינד ווערט געבוירן אין א שטוב וואס מען פירט זיך נישט ערליך, און ער האט קיינמאל נישט געזעהן גוטס פאר זיינע אויגן. די שטוב אליין איז געווען א פארדארבענע שטוב, און ער איז ממשיך וואס ער האט געזעהן ביי זיינע עלטערן. אמאל איז דא וואס די עלטערן זענען פיין און וואויל, ער האט באקומען א גוטע חינוך, אבער ער האט איבערגעלאזט דעם חינוך וואס ער האט באקומען ביי די עלטערן. דער יצר הרע האט זיך פארליגט אויף אים, און ער איז נישט עומד בנסיון, ער גייט אוועק פונעם ריכטיגען וועג.

**א** קינד וואס ווערט געבוירן אין נישט א גוטע שטוב, ביי אים איז אפילו א גרויסע עבירה גארנישט, ווייל ער איז דאך אויפגעצויגן געווארן אזוי. לאמיר אנכאפן א משל, א קינד וואס ווערט געבוירן אין א שטוב וואו מען איז מחלל שבת, איז ביי אים חילול שבת גארנישט, ער האט צוגעזעהן חילול שבת שטענדיג. אויב ער ווערט געבוירן אין א שטוב וואס מען פאסט נישט יום כיפור, איז ביי אים יום כיפור אזוי ווי א אנדערע טאג. אבער **א קינד וואס ווערט געבוירן אין א שטוב פון ערליכע עלטערן, אפילו ער הייבט אן צו פאלן, גייט ער אבער נישט גראד מחלל שבת זיין, ער גייט נישט גראד עסן יום כיפור. אסאך און אסאך גייט אריבער ביז ער קומט אן צו דעם מצב אז ער זאל זיך אזוי פירן. דער יצר הרע הייבט אן מיט א קלייניגקייט, דארפסט נישט זיין אזוי פרום ווי דיינע עלטערן, דו קענסט עפעס נאכלאזן. וואו שטייט אז דו דארפסט גיין מיט א גרויס קאפל, דו קענסט גיין מיט א קליינע קאפל. וואו שטייט אז מען דארף גיין מיט אזא הוט ווי דער טאטע איז געגאנגען, דו קענסט גיין מיט א אנדערע הוט. און דו דארפסט אינגאנצן נישט קיין הוט. וואו שטייט אז דו מוזט גיין מיט אזעלכע שיך וואס דיין טאטע גייט, דו קענסט גיין מיט שפיציגע שוך וכדומה. עס האט הדרגות, ער הייבט אן ממש מיט קלייניגקייטן, ביז צוביסלעך פאלט מען און מען פאלט, און מען קומט צו, צו טון די הארבסטע עבירות אויך.**

**קומט** אויס, אז א קינד וואס מען זעהט אז ער הייבט אן תיכף מיט הארבע עבירות, איז א סימן אז די שטוב איז נישט קיין גוטע שטוב. א קינד וואס זיין ירידה האט זיך אנגעהויבן מיט קלייניגקייטן, און נאכדעם איז ער געגאנגען ווייטער און ווייטער, איז א סימן אז די שטוב איז געווען גוט, ער האט באקומען א גוטן חינוך, נאר צוביסלעך האט ער זיך אפגעלאזט דערפון. זאגט דער פסוק, ובת איש כהן כי 'תחל' לזנות, ווען איר התחלה הייבט זיך אן ביי זנות, עס האט נישט גענומען א לאנגע צייט ביז זי איז אויסגעוואקסן צו דעם וואס זי איז צוגעקומען. זי האט נישט אנגעהויבן קודם עפעס נאכצולאזן אביסל אין צניעות, און אביסל אין ערליכקייט, און נאכדעם איז זי אינגאנצן פארפאלן געווארן. נאר כי תחל, די התחלה איז לזנות, 'את אביה היא מחללת', דאס איז א סימן אז די חינוך אין שטוב איז נישט געווען א געהעריגע חינוך. אבער טאמער די בת כהן האט קודם געטון אסאך קליינע עבירות, און נאכדעם קומט זי צו, ביז זי האט געזינדיגט, איז זי נישט מחלל דעם טאטן. אדרבה, דאס ווייזט אז דער טאטע האט איר געגעבן א גוטע חינוך, נאר זי איז אוועקגעגאנגען פונעם ריכטיגען וועג. אבער טאמער דער בת איש כהן איז כי תחל לזנות, די התחלה ביי איר איז מיט אזא הארבע עבירה, את אביה היא מחללת, דאס איז א חילול פארן פאטער.

*

***שבת קודש פרשת אמור***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **שמשון קנאפפלער** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל הלויה של הר"ר **מנחם מאיר בערקאוויטש** ע"ה, שהתקיים לפני בית המדרש סאמבאטהעלי.